**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/21/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער רייע געזעצן צו רופן טיילן פון ניו יארק סטעיט הייוועי סיסטעם מיט נעמען פון וועטעראנען און ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער

***געזעץ (S.8581A/A.8369A) דעזיגנירט א טייל פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אין אניידע קאונטי אלץ די "אניידע קאונטי קארעאנער קריג וועטעראנען אנדענק הייוועי"***

***געזעץ (S.7255A/A.1393B) דעזיגנירט א טייל פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אין אלסטער קאונטי אלץ די "טשיעף דזשאַן 'דזשאָודי' ראסיץ אנדענק בריק"***

***געזעץ (S.7297/A.9906) דעזיגנירט א טייל פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אלץ די "מעדאל פון עהרע באקומער פראנציס ס. קורי אנדענק הייוועי"***

***געזעץ (S.7504A/A.8445A) דעזיגנירט א טייל פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אין קלינטאן קאונטי אלץ די "טרופער ברייען ס. פאלב אנדענק בריק"***

***געזעץ (S.7224A/A.8455A) דעזיגנירט א טייל פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אין פאָטנעם וואלי טאַון העכער די Taconic Parkway אלץ די "פאָטנעם וואלי ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער בריק"***

***געזעץ (S.8056/A.8534) דעזיגנירט א טייל פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אין ספענסערפארט ווילעדזש, אגדען טאַון, מאנראו קאונטי, אלץ די "פייערלעשער ראַבערט פאַולער אנדענק הייוועי"***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א רייע געזעצן רופנדיג טייל פון די ניו יארק סטעיט הייוועי סיסטעם נאך וועטעראנען און ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער.

"אונזערע וועטעראנען און ערשטע הילף מאנשאפטן האבן זיך אייביג אויפגעשטעלט פאר אונז און זיך אפגערופן צו די רוף צו באשיצן און דינען ניו יארקער, און מיר וועלן פארזעצן צו שטיין ביי זייער זייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו אונטערשרייבן די רייע געזעצן וואס אנערקענען און באערן די ביישטייערונגען און מסירות נפש פון ניו יארק'ס וועטעראנען און ערשטע הילף מאנשאפטן, און זיי וועלן העלפן פארזיכערן אז זייער ירושה לעבט ווייטער פאר דורות."

געזעץ (S.8581A/A.8369A) דעזיגנירט א טייל פון State Route 365 אין אניידע קאונטי אלץ די "Oneida County Korean War Veterans Memorial Highway" (אניידע קאונטי קארעאנער קריג וועטעראנען אנדענק הייוועי). די דעזיגנאציע וועט באערן די 37,000 פאראייניגטע שטאטן סאלדאטן

וועלכע זענען געהרג'ט געווארן אדער פארשוואונדן געווארן נאך דעם קארעאנעם קריג. דער געזעץ וואס איז פארגעשלאגן געווארן דורך א וועטעראן פון אניידע קאונטי וועט פארמערן די באקאנטשאפט מיט דעם קארעאנעם קריג וואס איז באקאנט געווארן אלץ דער "פארגעסענער קריג" צוליב דעם וואס עס איז פארגעקומען אין 1950, צווישן די צווייטע וועלט קריג און דעם וויעטנאם קריג.

**סטעיט סענאטאר דזשאָוסעף א. גריפאָו האט געזאגט,** "עס דערפרדייט מיך אז די גאווערנער האט אונטערגעשריבן דעם געזעץ וואס איך האב אריינגעגעבן דעזיגנירנדיג א טייל פון State Route 365 אין ראָום אלץ די 'Oneida County Korean War Veterans Memorial Highway'. מיר טארן קיינמאל נישט פארגעסן די מענער און פרויען וועלכע האבן געדינט אין דעם קארעאנעם קריג. די ספעציעלע דעזיגנאציע ערלויבט אונז צו אנערקענען און געדענקן די מסירות נפש פון אלע וועלכע האבן אנטיילגענומען אין די טראגעדישע קאנפליקט און צו אויסדרוקן אונזער טיפע דאנקבארקייט פאר זייער דינסט פאר אונזער פאלק."

**אסעמבלי מיטגליד מעריען בוּטענשאן האט געזאגט,** "דער קארעאנער קריג ווערט צומאל גערופן דער פארגעסענער קריג. די געזעץ איז געברענגט געווארן דורך וועטעראנען וועלכע האבן קיינמאל נישט פארגעסן. עס איז מיר געווען אן עהרע צו אריינגעבן דעם געזעץ, און איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער פארן עס אונטערשרייבן אזוי שנעל צו באעהרן אונזערע אניידע קאונטי קארעאנער קריג וועטעראנען. זאל גאט בענטשן אלע וועטעראנען."

געזעץ (S.7255A/A.1393B) דעזיגנירט די בריק אויף State Route 28 העכער די Esopus טייך אין שענדעקען טאַון אלץ די "Chief John 'Jody' Rossitz Memorial Bridge" (טשיעף דזשאַן 'דזשאָודי' ראסיץ אנדענק בריק). דער געזעץ וועט פאראייביגן די לעבן פון דזשאן ראסיץ פון אליווערינ וואלי. ער האט געדינט 34 יאר אלץ א וואלונטיר פייערלעשער און אלץ טשיעף פון די ביג אינדיען-אליווערינ פייער דעפארטמענט. אין 2011 האט ער געשפילט א הויפט ראלע אינעם ארגאניזירן די ערלייכטערונג באמיאונגען פאר די אליווערינ וואלי קאמיוניטי נאך הארעקעין איירין. דורך דעם געזעץ וועט ער באעהרט ווערן פאר די ארבעט וואס ער האט געטוהן פאר די קאמיוניטי.

**סטעיט סענאטאר פיטער אָבעראַקער האט געזאגט,** "אונזערע ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער בײשטײערן אזויפיל צו אונזערע קאמיוניטיס, און דזשאן 'דזשאָודי' ראסיץ איז געווען א מוסטער פון די גייסט און איבערגעגעבנקייט וואס לויפט אין די בלוט פון אלע אונזערע וואלונטירן. עס איז מיר א געוואלדיגע עהרע צו העלפן האלטן טשיעף ראסיץ'ס אנדענק ביים לעבן און פארזיכערן אז אנדערע ווייסן וואס ער האט געמיינט צו זיין קאמיוניטי און צו די אנדערע וואלונטיר פייערלעשער און ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער."

**אסעמבלי מיטגליד קעווין א. קאהיל האט געזאגט,** "דזשאָודי ראסיץ איז געווען א מוסטער פון א קאמיוניטי פירער. ער האט געברענגט זיין מומחיות'שאפט צו זיינע וואלונטיר רעטונג דינסט און זיינע וואלונטיר רעטונג סקילס צו זיין דזשאב. דורכן אונטערשרייבן דעם געזעץ רופנדיג די וויכטיגע בריק אין זיין נאמען שליסט זיך גאווערנער קעטי האקול אן מיט דאנקבארע פריינט, שכנים און קאלעגן וועלכע האבן געהאט די געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט דעם באליבטן און געשעצטן מוסטער פון א בירגער."

געזעץ (S.7297/A.9906) דעזיגנירט State Route 32 צווישן די אינטערסעקשען מיט Bender Lanbe און די אינטערסעקשען מיט Elsmere Avenue אין בעטלעהעם טאַון, אלבאני קאונטי, אלץ די " Medal of Honor Recipient Francis S. Currey Memorial Highway" (מעדאל פון עהרע באקומער פראנציס ס. קורי אנדענק הייוועי). די דעזיגנאציע באעהרט די לעבן פון פראנציס ס. קורי וועמענס קוראזש אין דעם צווייטן וועלט קריג האט אים פארדינט די פאראייניגטע שטאטן קאנגרעסיאנאלע מעדאל פון עהרע, די בעלגישע ארדער אָוו לעפאלד, א זילבערנע שטערן, בראנזע שטערן און דריי פוירפל

הערצער. בלויז איין וואך נאכן גראדואירן פון הויך שולע איז ער באאויפטראגט געווארן אלץ סארדזשענט צו באשיצן דעם קליינעם בעלגישע שטעטל מאלמעדי מיט מינימאלע רעסארסן. נאכן קריג האט ער געדינט אלץ גרונדנדע מיטגליד אויף די קאנגרעסיאנאלע מעדאל פון עהרע געזעלשאפט (Congressional Medal of Honor Society) און ער האט געארבעט אלץ קאונסעלאר ביי די סטרעטאן VA מעדיצינישע צענטער אין אלבאני פאר 30 יאר. דער געזעץ איז אריינגעגעבן געווארן אויף די פארלאנג פון פראנציס קורי'ס פאמיליע און דורך דעם אמעריקאנעם לעגיאן'ס הויפטקווארטיר 1040 אין דעלמאר (American Legion Post 1040) צו באעהרן זיין ביישטייערונג צו היסטאריע און זיין קאמיוניטי.

**סטעיט סענאטאר ניעל ד. ברעסלין האט געזאגט,** "א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן אונטערשרייבן דעם געזעץ באעהרנדיג א העלד פון זיין היים שטאט. פראנציס ס. קורי האט העלדיש געקעמפט אין דעם צווייטן וועלט קריג, און ער איז באעהרט געווארן פאר זיין קוראזש מיט די קאנגרעסיאנאלע מעדאל פון עהרע. עס קומט זיך פאר אונזער פאלק'ס וועטעראנען צו אויסגעלויבט ווערן דורך די מענטשן פון ניו יארק סטעיט פאר זייער דינסט, און די צייכן פון דאנקבארקייט וועט לעבן פאר אייביג."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האט געזאגט,** "פראנציס קורי איז אן אמעריקאנער העלד וואס איז געשאנקען געווארן די קאנגרעסיאנאלע מעדאל פון עהרע פארן ראטעווען די לעבנס פון זיינע שטאטסלייט און פארן אפשטעלן מיט זיינע אייגענע כוחות פארשריט פון א פיינטליכע קראפט. אין עהרע פון די העראיזם וואס פראנציס קורי האט ארויסגעוויזן און די לעבן וואס ער האט געלעבט, בין איך שטאלץ אז זיין ירושה וועט ווייטער לעבן אין אלבאני קאונטי אין די פארעם פון די Medal of Honor Recipient Francis S. Currey Memorial Highway."

געזעץ (S.7504A/A.8445A) גיבט א נייע נאמען פאר די בריקן אין פלאטסבורג טאַון אויף אינטערסטעיט 87 "Trooper Brian S. Falb Memorial Bridge" (טרופער בריען ס. פאלב אנדענק בריק) אין אנדענק פון סטעיט טרופער בריען ס. פאלב. די דעזיגנאציע פון די בריקן וועלכע זענען אין אנהויב גערופן געווארן די צווילינג בריקן (Twin Bridges) וועט באעהרן בריען ס. פאלב'ס ביישטייערונג, האבנדיג געדינט אלץ ניו יארק סטעיט טרופער און האבנדיג ארויסגעהאלפן מיט די זוכעריי באמיאונגען נאכפאלגנדיג די סעפטעמבער 11 אטאקעס אין 2001.

**סטעיט סענאטאר דען סטעק האט געזאגט,** "דער געוועזענער טרופער פאלב פארדינט זיך די העכסטע עהרע פאר זיין מסירות נפש אין איינס פון ניו יארק'ס שווערסטע צייטן. דורכן רופן די בריק אין זיין נאמען וועט יעדער וואס פארט עס אדורך קענען אנערקענען זיין ווייט גרייכנדע דינסט צו אונזער געוואלדיגע סטעיט. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם געזעץ און אפגעבן די פאסיגע כבוד פאר דעם העלד און זיין פאמיליע."

**אסעמבלי מיטגליד בילי דזשאָנס האט געזאגט,** "טרופער פאלב איז געווען אן אמת'ער אמעריקאנער העלד, און די וויניגסטע וואס די סטעיט האט געקענט טוהן איז געווען צו א נאמען געבן פאר די בריק העכער די סערענעק טייך אויף אינטערסטעיט 87 נאך אים. גארנישט קען באמת אויסדרוקן די נארט קאָנטרי ראיאן'ס דאנקבארקייט פאר פאלב פארן מקריב זיין זיין לעבן ווען אונזער לאנד איז געווען אונטער אטאקע, אבער גיבן א נאמען פאר די בריקן וועט פארזיכערן אז זיין אנדענק און ירושה וועלן געהיטן ווערן פאר פילע צוקונפטיגע דורות. יעצט וועלן אלע רייזנדע אויף די Northway זעהט טרופער פאלב'ס נאמען אויף די בריקן און אינספירירט ווערן דורך זיין פאטריאטישקייט און איבערגעגעבנקייט צו זיינע קאמיוניטיס."

געזעץ (S.7224A/A.8455A) דעזיגנירט די בריק העכער די Taconic State Parkway אין פּאָטנעם וואלי טאַון אלץ די "Putnam Valley First Responders Bridge" (פּאָטנעם וואלי ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער בריק). די דעזיגנאציע וועט באעהרן די ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער וועלכע שטעלן זייערע לעבנס אין געפאר יעדן טאג צו האלטן פּאָטנעם וואלי איינוואוינער זיכער.

**סטעיט סענאטארשע סו סערינאָו האט געזאגט,** "פּאָטנעם וואלי'ס ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער גייען ארויס פון זייער וועג פאר אונזער קאמיוניטי, און דאס איז הויפטזעכליך צו פארדאנקען זייער שטופן פאר טויש אז די לאנג-ערווארטעטע Pudding Street אָווערפּעס איז ענדליך געווארן א רעאליטעט. צו האבן די געלעגנהייט צו גיבן א נאמען פאר די בריק אין זייער עהרע איז א מיינונגספולע מאמענט נישט נאר פאר מיר, נאר פאר יעדער איינוואוינער וואס האט געארבעט מידלאז צו פארענדיגן דעם פראיעקט. עס איז בלויז איין קליינע וועג וויאזוי מיר קענען זיי באדאנקען פאר זייער זעלבסטלאזע סערוויס און זיי דערמאנען אז זיי האבן אייביג א דאנקבארע קאמיוניטי וואס שטיצט זיי, און איך באדאנק אלע אונזערע לאקאלע שותפים און די וועלכע זענען אין סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט, פארן קיינמאל נישט אויפגעבן אויף דעם קריטישן פראיעקט."

**אסעמבלי מיטגליד קעווין בירן האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די Pudding Street אָווערפּעס איז געווען א געוואלדיגע עררייכונג פאר וועלכע איך און פילע אנדערע בעאמטע האבן פון לאנג געשתדל'ט צוזאמען מיט קאמיוניטי מיטגלידער, אריינרעכענענדיג אונזערע בראווע ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער. די געוועזענע אינטערסעקשען צווישן Pudding Street און די Taconic State Parkway האט געשאפן אלע סארטן סכנות'דיגע זיכערהייט אומשטענדן פאר דרייווערס, סקול באס קינדער און ערשטע הילף מאנשאפטן. אונזערע פאליציי, פייערלעשער און עמערדזשענסי מעדיצינישע סערוויס פראָווײַדערס אין פּאָטנעם וואלי טוהען קריטישע ארבעט אויף וועלכע די קאמיוניטי פארלאזט זיך. עס איז פאסיג זיי צו באעהרן מיטן רופן די בריק אויף זייער נאמען. איך באדאנק סענאטארשע סו סערינאָו, פּאָטנעם וואלי טאַון סופערווייזאר אנאבי און גאווערנער האקול פאר זייער הילף מיטן פארווירקליכן דעם פראיעקט און באעהרונג."

געזעץ (S.8056/A.8534) דעזיגנירט State Route 259 צווישן Lyell Avenue און State Route 31 אין ספּענסערפּארט ווילעדזש אלץ די "Firefighter Robert Fowler Memorial Highway" (פייערלעשער ראַבערט פאַולער אנדענק הייוועי). די דעזיגנאציע וועט באעהרן ראבערט "באַב" פאַולער פון די ספּענסערפּארט וואלונטיר פייער דעפארטמענט פאר זיינע ביישטייערונגען צו געזעלשאפט זינט ער האט זיך אנגעשלאסן אין די דעפּארטמענט אין 1974, דינענדיג אלץ א צענטראלע זייל פאר די קאמיוניטי דורך זיין פאמיליע שטיצע.

**סטעיט סענאטאר ראבערט ג. ארט האט געזאגט,** "דאס גיבן א נאמען פאר א טייל פון State Route 259 אין ספּענסערפּארט ווילעדזש 'Firefighter Robert Fowler Memorial Highway' איז בלויז איין וועג דורך וועלכע מיר קענען דערמאנען איינוואוינער פון די מסירות נפש וואס אונזערע עמערדזשענסי וואלונטירן מאכן ביים דינען אונזערע קאמיוניטיס. די העלדישקייט און קוראזש פון אונזערע ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער וואס ווייזט זיך ארויס אויף א טעגליכן פארנעם איז א זאך וואס מיר טארן קיינמאל נישט אנקוקן ווי זעלבסט פארשטענדליך. פייערלעשער פאַולער האט טאקע אפשר מקריב געווען זיין לעבן אין דינסט פון אונזער ספּענסערפּארט קאמיוניטי יענעם אוונט אין פעברואר, אבער זיין אנדענק און זיין איבערגעגעבנקייט אונז צו באשיצן וועלן פארזעצן צו לעבן פאר פילע צוקונפטיגע יארן."

**אסעמבלי מיטגליד דזאש דזשענסען האט געזאגט,** "היינט איז א ספּעציעלע טאג פאר די פאַולער פאמיליע, פאר די ספּענסערפּארט פייער דעפּארטמענט און פאר די איינוואוינער פון ספּענסערפּארט און אגדען, אזוי ווי זיי קענען פארזעצן צו באעהרן די ירושה פון פייערלעשער ראבערט 'באַב' פאַולער בשעת'ן אריבערפארן די ווילעדזש יעדן טאג. באַב האט געלייגט אנדערע פאר זיך אליין טאג איין טאג אויס, און

עס איז אזא כבוד צו קענען פאראייביגן זיין ירושה. מיר זענען אזוי דאנקבאר פאר אים און זיינע באליבטע פאר זייער איבערגעגעבענע דינסט צו האלטן אונזערע שכנים פארזיכערט. עס איז א זכות צו קענען ווייזן די קליינע צייכן פון דאנקבארקייט פאר אונזער לאקאלע העלד, פייערלעשער ראבערט פאַולער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418